ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office



## ט"ו כסלו תשס"ו

## פרשת וישלח

*"אשרינו, מה טוב חלקנו!!" ווי גליקלאך זיינען מיר צו זיין חסידים!! דעם וואך קומט צו דער יום טוב פון י"ט-כ' כסלו -אונזער ראש השנה. קינדער, איר זייט די אמת'ע סאלדאטן פון דער אלטער רבי. דער אלטער רבי האט אנגעהויבן חסידות חב"ד, און האט דאס נאך מער פארשפרייט נאך י"ט כסלו. איר זייט די וועלכע פארשפרייטן דאס יעצט ווייטער. י"ט כסלו איז אייער יום טוב!! עס איז אייער טאג צו דאנקן דעם אויבערשטן אויף אייער זכות צו זיין שלוחים. דער אויבערשטער זאל העלפן אז איר זאלט האבן אסאך הצלחה אין אייערע ארבעט, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו פארברענגען דעם י"ט כסלו מיט דער רבי און דער אלטער רבי אין ירושלים!*

*א. וועכטער*

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת ויצא

קטונתי - איך בין קליין

דער אידישער פאלק ווערט אנגערופען אויפן נאמען פון יעקב - "**אל תירא עבדי יעקב**" - וואס אויף יעקב'ן שטייט אז "**קטן הוא**" - ער איז קליין.

דער טעם אויף דעם וואס אידן ווערן אנגערופען "קטן":

יעדער איד דארף פילן אז ער באקומט אלץ וואס ער האט (און דארף האבן) פון דעם אויבערשטן וואס ער האט אלץ באשאפן, "**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**" און גיט די שמים וארץ וכל צבאיהם אלץ וואס זיי דארפן.

קומט אויס אז יעדער איד– וואס קטן הוא– דארף זיך באטראכטן פונקט ווי ער איז די לבנה דער "מאור הקטן", וואס באקומט איר ליכט פון דעם שמש דעם "מאור הגדול".

ווי גרויס ער זאל נאר זיין, און ווי גרויס ער וועט נאך ווערן - און זיכער וועט ער ווערן גרויס, "**זה הקטן גדול יהי'**" - איז ער פונדעסטוועגן קליין ביי זיך ווי א קטן, וויסנדיק אז דאס אלץ איז מיט דעם כח און די ברכות פון דעם אויבערשטן, דער "מאור הגדול".

און די אפלערנונג דערפון:

אידישע קינדער (קטנים און קטנות) דארפן זיך אנשליסן אין "צבאות השם", די ארמיי פון אויבערשטן, דעם "**מאור הגדול**" וואס דעמאלט באקומט מען פון דעם אויבערשטן אליין - דער קאמענדער–אין–טשיף, דער "מאור הגדול" - אלץ וואס מען דארף כדי צו קענען רואיקערהייט מנצח זיין אין מלחמת היצר.

פונקט ווי אין א גשמיות'דיקער ארמיי, אז יעדערער וואס געפינט זיך אין דער ארמיי באקומט אלץ וואס ער דארף כדי צו קענען דורכפירן זיין תפקיד אין דעם צבא און מנצח זיין.

און דורך דעם באקומט מען דעם כח צו זיין א "מאור", אז טראץ דעם וואס ער איז גאר א קטן, און בפרט אין פארגלייך מיט שמים וארץ וכל צבאיהם, האט ער בכח צו באלייכטן יעדער איד, סיי אינגעלעך און סיי מיידעלעך, און דורך זיי - אויך זייערע עלטערן, קרובים, ביז אז זיי לייכטן און באלייכטן די גאנצע וועלט.

ביז יעדער איד ווערט אן אנפירער און ברענגט די גאולה צו דער גאנצער וועלט - דורך דוד מלך המשיח, וואס אויך אויף אים שטייט "**דוד הוא קטן**"

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער– שיחת פורים קטן תשמ"א)*

## דערציילט מיר א מעשה



### כ' כסלו - דער הייליקן תניא איז געדרוקט געווארן

אין יאר תקנ"ה, זיינען צוויי חסידים, ר'פנחס רייזעס און ר' בנימין קלעצקער, געגאנגען אויפן מארק אין לייפציג. דארטן האבן זיי געהערט אז איינער פארקויפט קונטרסים –אזוי האט מען גערופען דעם תניא איידער עס איז געדרוקט געווארן–. די חסידים זיינען געקומען נענטער צו דעם פלאץ וואו דער מענטש האט פארקויפט די קונטרסים, און זיי האבן גלייך געקויפט צוויי קונטרסים. נאך דעם וואס די חסידים האבן דורכגעקוקט די קונטרסים, האבן זיי באמערקט אז די קונטרסים זיינען געווען פול מיט גרייזן. זיי האבן גלייך פארשטאנען אז דער וואס פארקויפט די קונטרסים איז געווען א מתנגד, און דאס וואס ער האט פארקויפט איז געדרוקט געווארן בדוקא מיט גרייזן צו מאכן א געלעכטער פון חסידות און חסידים. האבן די קלוגע חסידים געזאגט "מיר ווילן קויפן די אלע קונטרסים און מיר וועלן דאס פארקויפן איבערראל." האט דער מתנגד פארקויפט 450 "ספרי תניא" צו די חסידים!!

די חסידים האבן, ווי פארשטאנדיק, ניט פארקויפט די ספרים, נאר גלייך זיינען זיי געגיינגען צום הייליקן אלטן רבי'ן צו באווייזן אים די קונטרסים. א צייט שפעטער, האט דער אלטער רבי געגעבן רשות צו דרוקן דעם הייליקן ספר התניא, און כ' כסלו תקנ"ז איז די תניא געדרוקט געווארן.

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# דעם חסידישן לוח



## י״ט כסלו

א טאג פון שמחה פון פריילעכע געזאנגען
דער אלטער רבי איז פון תפיסה ארויסגעגאנגען.
מען האט פון דעם רבי'ן צובראכן זיינע קייטן
ווייל פון הימל האט מען געלאזט אז חסידות זאל זיך פארשפרייטן.
מיר ווינטשן אן אלע א לשנה טובה
א יאר פון חסידות פון הפצה פון גאולה!

## ראש השנה לחסידות

ווען דער אלטער רבי האט אנגעהויבן לערנען חסידות, איז געווען א גרויסע רעש אין הימל. ווי אזוי קען מען אזוי פארשפרייטן חסידות? האט מען געשיקט די מתנגדים וואס זיי האבן געברענגט א טענה אנטקעגן דער אלטער רבי דא אין דער וועלט, און ער איז אריינגעווארפן געווארן אין תפיסה. די מתנגדים האבן געזאגט אז דאס וואס דער אלטער רבי לערנט איז אנטקעגן די צאר פון רוסלאנד. דער אלטער רבי איז געווען אין תפיסה 53 טעג, און איז ארויסגעקומען י״ט כסלו.

**מעשות וועגן די ארעסטירונג און באפרייאונג:**

איידער מען האט אוועקגענומען דעם אלטן רבי'ן אין תפיסה האט ער געשיקט א שליח צו ברענגן א פ״ן צו ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו. אויפן וועג האט זיך דער מענטש געכאפט אז ער האט פארגעסן פרעגן דעם אלטן רבי'ן וואס איז זיין מאמע'ס נאמען. ווען ער איז אנגעקומען צו ר' לוי יצחק האט ער געזאגט אויף זיין שליחות, און ער האט געזאגט אז ער ווייס ניט דער אלטער רבי'ס מאמע'ס נאמען. ר' לוי יצחק האט געעפנט א חומש, און דעם פסוק צו וואו ער איז אנגעקומען איז געווען "וירא יעקב כי יש __שבר__ במצרים" האט ער געזאגט "דיווארט __שבר__ איז ראשי תיבות "שניאור בן רבקה" זיין מאמע'ס נאמען איז רבקה!" און אזוי איז טאקע געווען!

דעם אלטן רבי'ן האט מען ארעסטירט דאנערשטיק. ווען עס איז געקומען פרייטיק אינדערפרי זעקס שעה פאר ליכט צינדן, האט דער אלטער רבי ניט געוואלט ווייטער פארן, און האט געבעטן די אפיצער אז מען זאל דא רוען איבער שבת. דער אפיצער האט ניט געוואלט מסכים זיין, און האט געוואלט ווייטער פארן. ער האט אבער ניט געקענט, ווייל זיינע ראד האבן זיך צובראכן. נאך דעם וואס זיי האבן דאס פאראכטן, איז א פערד געפאלן. מען האט געברענגט א צווייטע פערד, און די פערד וואס מען האט געברענגט האט זיך ניט געקענט רירן! די אפיצער האט ניט געהאט קיינע ברירה און ער איז געבליבן דארט אויף שבת. חסידים דערציילן אז ר' מיכאל נעוועלער האט אנגעוויזן דעם ארט וואו דער אלטער רבי איז געווען יענע שבת. דעם גאנצע וועג זיינען געשטאנען אלטע צובראכענעביימער, און אין יענע ארט איז געווען א גרויסער, שיינער בוים מיט אסאך צווייגן!

ווען דער אלטער רבי איז געווען אין תפיסה זיינען געקומען צו אים דער בעל שם טוב און דער מגיד. האט דער אלטער רבי געפרעגט, "פארוואס קומט מיר צו ליידן אזוי פיל צרות?" האבן זיי געענטפערט, "ווייל עס איז פאראן אויף דיר א קטרוג פון הימל אז דו פארשפרייטס חסידות." האט דער אלטער רבי געפרעגט "און ווען איך וועל ארויסגיין פון תפיסה, זאל איך אויפהערן לערנען און פארשפרייטן חסידות?"

"פארקערט," איז געווען דער ענטפער , "אז דו האסט שוין אנגעהויבן, זאלסטו ווייטער זאגן, און דו זאלסט זאגן נאך מער ווי פריער." אזוי איז טאקע געווען. פאר זיין ארעסט, האט דער אלטער רבי געזאגט חסידות נאר איין מאל א חודש, און נאך דעם באפרייאונג האט ער געזאגט חסידות יעדן שבת.

ווען דער אלטער רבי האט געוואוסט וועגן זיין באפרייאונג האבן זיי אים געפרעגט וואו ער וויל גיין. האט ער געבעטן גיין צו א חסיד ר' מרדכי לילעפלר'ס הויז. בטעות האבן זיי געברענגט דעם אלטן רבי'ן צו די אונטערשטע שטאק, וואו עס האט געלעבט א גרויסער מתנגד. דער מתנגד האט אנגהויבן שרייען אויף דעם אלטן רבי'ן אויף זאכן וואס ער האט געביטן, למשל דער נוסח פון דאווענען. דערווייליע האבן די חסידים געווארט אומגעדולדיקערהייט אויף דער אלטער רבי. איינער האט געזאגט " לאמיר גיין צום מתנגד אונטן, ער וועט זיכער וויסן וואס איז געשען מיטן אלטן רבי'ן." ווען זיי זיינען געקומען נאנט צו די טיר האבן זיי געהערט ווי ער שרייט אן אויף דעם אלטן רבי'ן. די חסידים האבן געקלאפט אויפן טיר ביז עס האט זיך כמעט צובראכן. דער מתנגד האט געעפנט די טיר, און די חסידים זיינען אריינגעגאנגען. זיי האבן געוואלט ארויסשלעפן דער אלטן רבי'ן, אבער דער רבי האט זיי געהייסןווארטן. " עס איז ניט שיין ארויסגיין פון א מענטש'ס שטוב אן ענדיקן וואס ער האט דיר געגעבן." האט דער אלטער רבי געזאגט, און ער האט געענדיקט זיין גלאז טיי.

ווען ער האט געענדיקט, האט ר' מרדכי גענומען דעם רבי'נס האנט און אים ארויסגענומען פון דעם מתנגד'ס שטוב. "איר האט מיר געראטעוועט," האט דער אלטער רבי געזאגט. "די דריי שעה וואס איך בין געווען דארט, איז געווען שווערער ווי אלע טעג אין תפיסה. נאך אלע שווערקייטן וואס דער אלטער רבי האט געהאט פון די מתנגדים, האט ער אנגעווארנט די חסידים ניט צו פייפן אויף די מתנגדים. אף על פי וואס זיי האבן געפרואווט טאן אזא שלעכטע זאך צו די חסידים, זאלן זיי זיך ניט גרויס האלטן, נאר זיין דאנקבאר צום אויבערשטן אויף אלס וואס ער האט געטאן!

דער טאג איז באשטימט געווארן אלץ די ראש השנה פון חסידות!! אויף דעם טאג הויבט מען אן לערנען תניא און די היום יום פון דאס ניי. י״ט כסלו איז א טאג צו פארברענגען, און אנצונעמען החלטות טובות פאר דעם קומענדיקן יאר. קינדער, לשנה טובה בלימוד החסידות ובדרכי החסידות תכתבו ותחתמו!!

*י״ט כסלו איז אויך די יארצייט פון דער מעזריטשער מגיד. דער מעזריטשער מגיד האט איבערגענומען פון דעם בעל–שם–טוב, און ער איז געווען רבי 11 יאר. ביז ער איז נסתלק י״ט כסלו תקל״ג.

*י״ט כסלו תקנ״ט - די טאג וואס דער אלטער רבי איז ארויס פון תפיסה, איז געבוירן געווארן א נייע אייניקל צו די מיטעלער רבי און זיין רביצין שיינא. די מיידל האט מען אנגערופען מנוחה רחל, און זי איז געווען א גרויסע צדקת וואס האט אסאך געהאלפן די אידן אין חברון.

*כ' כסלו איז דער טאג וואס מען האט דעם ערשטער מאל געדרוקט דעם הייליקן תניא אין יאר תקנ"ז . דער אלטער רבי האט ניט געוואלט דרוקן דעם תניא, אבער אנדערע מענטשן האבן דאס געדרוקט מיט גרייזן און מען האט געמוזט דרוקן דעם תניא ריכטיגערהייט.

קינדער, כ' כסלו איז זייער א וויכטיגע טאג אנצונעמען נייע החלטות אויף צו לערנען תניא ווי עס איז צוטיילט געווארן אויף יעד'ן טאג אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט, און חזר'ן תניא בעל פה!

## משיח נאו!



דער בעל שם טוב פלעגט פיל מאל האבן עליות הנשמה – זיין נשמה איז ארויפגעגאנגען אין הימל. איין מאל ווען דער בעל שם טוב איז ארויפגעגאנגען אין הימל, איז ער אריינגעגאנגען אין דעם היכל פון משיח. ווען ער האט געזען די נשמה פון משיח האט ער געפרעגט, "ווען וועסטו קומען?" "ווען דיינע קוואלן פון חסידות וועלן זיך פארשפרייטן איבערן גאנצע וועלט!" האט משיח געענטפערט. י״ט כסלו - די ראש השנה לחסידות – איז די צייט אנצונעמען הלכות אויף לערנען און פארשפרייטן די קוואלן פון חסידות און ברענגען משיח נאו!!

לעילוי נשמת
**אאמו״ר הרה״ח התמים ר' דובער**
**בן הרה״ח ר' נפתלי שו״ב ע״ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס״ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת וישלח

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך, ו׳ כסלו, און דו קענסט געווינען א פרייז!

## דרגה א׳ און ב׳:

**העלף די חסידים צו געפינען דעם וועג צו פעטערבורג צום אלטן רבי׳ן**





די געווינער פון פרשת ויצא: יענקל בערגשטיין, 8

הצלחה רבה

נאמען: ______________________ ווי אלט: ______

אגרעס: ______________________________

______________________________

אימייל: ______________________